Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Łodzer Folksblat פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# לאָדזער פאָלקסבלאַט

אונפּארטייאישע פּאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 137/1432 | Łódź, Sroda 13 Czerwca 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאָדז, מיטוואך כה סיון תרפ"ח | Nr. 137/1432

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

# געגען אַלע פערגרעסערונגען, פאַר אַלע רעדוקציעס

## רעזאָלוציע פון יודישען קאָלאָ וועגען דער שטעלונג צום בודזשעט.

וואַרשאַ, 12 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים־קאָרעספּאָנדענט) היינט איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון יודישען קאָלאָ. עס איז בעטראַכט געוואָרען די שטעלונג פון קאָלאָ ביי דער אָפּשטימונג פון בודזשעט.

רעפ׳ ראָזמאַרין האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויס־צוטרעטען ביי דער אָפּשטימונג מיט׳ן אויסרייד, אַז ס׳איז פאַר׳ן קאָלאָ געבליבען צו רעדען בלויז 13 מינוט.

רעפ׳ האַרטגלאַס האָט ערקלערט, אַז ער וועט רעדען, נאָר מיט׳ן תנאי, אַז ער וועט קאָנען רעדען בענגען בודזשעט.

נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע איז אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע רעזאָלוציע:

נעהמענדיג אין אַכט, אַז די שטייערען לעגען זיך מיט דער גאַנצער לאַסט אויף דער יודישער בעפעלקערונג; אַז פאַר דער שטייער־לאַסט בעקומט די יודישע בעפעלקערונג גאָרנישט; אַז די פעראַרימונג פון דער יודישער בעפעלקערונג איז אַ סכנה פאַר דעם ווירטשאַפטליכען גלייכגעוויכט פון דער מלוכה, — בעשליסט דאָס יודישע קאָלאָ צו שטימען נעגען אַלע פערגרעסערונגען פון די בודזשעט־פּאָזיציעס און פאַר אַלע רעדוקציעס אין בודזשעט.

### מאַרשאַל פּילסודסקי געזונד.

וואַרשאַ, 12 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט) מאַרשאַל פילסודסקי פיהלט זיך שוין אויף אַ סך בעסער אין זיין געזונד־צושטאַנד, אַז ר׳איז צוגעטרעטען צו זיין נאָרמאַלער אַרבייט. דער מאַרשאַל האָט היינט אויפגענומען דעם וויצע־פּרעמיער באַרטעל, דאַן איז ער אַוועק צום מלוכה־פּרעזידענט און פון דאָרט אין מיניסטאָרען־ראַט, וואו ער האָט נאָכאַמאַל קאָנפערירט מיט׳ן וויצע־פּרעמיער.

### קלאַנגען וועגען דימיסיע פון פּואַנקאַרע׳ס רעגירונג.

פּאַריז, 12 (אַ. וו.) „עקאָ דע פּאַרי" איז מודיע, אַז פּואַנקאַרעס פּלאַן וועגען סטאַביליזירען דעם פראַנק איז אָנגענומען געוואָרען דורך אַלע מיניסטאָרען, אַ חוץ מינ. מארען וועלכער האָט געדראָהט מיט דימיסיע. פּואַנקאַרע זאָל דערויף האָבען ערקלערט, אַז אויב איין מיניסטער וועט דימיסיאָנירען, דאַן וועט אָפּטרעטען דער גאַנצער קאַבינעט.

שבת, דעם 9־טען יוני 1928 איז אין באַד ווילדונגען (דייטשלאַנד) געשטאָרבען אין עלטער פון 64 יאָהר, מיין ליבער מאַן, אונזער אונפערגעסליכער פאָטער, גרויספאָטער, שווינערפאָטער און ברודער

# ב. ע. משה אהרן אקסענבערג

## (לאַנגיעהריגער סוחר און הויז־בעזיצער אין לאָדז)

די לויה קומט פאַר היינט מיטוואָך, דעם 13־טען יוני 1928, 1 אַ זייגער נאָכמיטאָג פון לאָדזער פאַבריקס־באַהנהויף.

וועגען וואָס עס טיילט מיט

## די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

אָבהענדיג און טיף ערשיטערט צוליב׳ן טויט פון אונזער מיטגרינדער און לאַנגיעהריגען פערוואַלטונגס־מיטגליד

נ. ע.

## משה אהרן אקסענבערג

דריקען מיר אויס דער שווער־געטראָפענער פאַמיליע דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

צו דער לויה, וועלכע קומט פאָר היינט, מיטוואָך, 1 אַ זייגער בייטאָג פון וואַרשאַ–ווינער באַהן־הויף, ווערען אַלע אונזערע מיטגלידער געבעטען פּינקטליך צו קומען, בכדי דעם פערשטאָרבענם אָפּצוגעבען דעם לעצטען כבוד.

### די פערוואַלטונג פון קאָנפעקציאָנערען־פערבאַנד אין לאָדז.

852

מאַסאַזש־ און הייל־גימנאַסטיק־שולע און קאַבינעט

פון דר. מעד.

## ב. שמירגעלד

צעגעלניאַנאַ 6, טעל. 51-89.

[illegible]

פון 3–5 נאָכמ.

## וואָרנונג !!!

אַזוי ווי ס׳האָבען זיך בעוויזען וועקסלען פון 50 ביז 200 זל. אויפ׳ן נאָמען ב. יעגער, לאָדז אגראַדאָוואַ 8, אָרדרע א. יעגער, ערקלער איך די דאָזיגע וועקסלען פאַר פאַלשע, ווייל איך האָב אַזעלכע וועקסלען נישט אונטערגעשריבען.

מיט אַכטונג ב. יעגער

לאָדז, אַגראָדאָוואַ 8.

## יור. י. אינפעלד

וואוינט איצט

### 31 פּעטריקאָווער 31.

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין עלטער פון 54 יאָהר מיין ליבע מוטער, שוויגערמוטער, גרויס־מוטער, שוועסטער און טאַנטע

# ב. ע. מרים קאַך

די לויה קומט פאַר היינט, מיטוואָך, 1 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער־הויז, צעגעלניאַנאַ 40, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

## די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

858

